# דער מאַמעס תּפֿילה

צינד איך ליכט
שבת, יום-טובֿ,
הער איך אין דעם רויש פֿון פֿלאַמען,
יענע שטילע,
ריינע תּפֿילה,
פֿון דער גוטער ליבער מאַמען:

היט מײַן קינד,
היט דײַן טראָט!
געדענק דײַן פֿאָלק,
געדענק דײַן גאָט!

יאָגן ווינטן,
יאָרן גייען,
עס כוואַליעט
דאָס לעבן אַ שפיל,
אמת, אין וועג געלעגן
פֿיל שטיינער
און דערנער שטעכיקע פֿיל.

נאָר שטענדיק באַגלייט,
סײַ אין לײַד,
סײַ אין פֿרייד,
האָט מיר דער מאַמעס געבאָט.

היט מײַן קינד,
היט דײַנע טריט!
געדענק דײַן פֿאָלק,
און דײַן גאָט.

צינד איך ליכט,
שבת, יום-טובֿ,
הער איך אין דעם רויש פֿון פֿלאַמען,
יענע שטילע,
דײַנע תּפֿילה,
פֿון דער גוטער ליבער מאַמען . . .